# UCLA
## Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

**Title**
Dray Lider/ Three Poems of D. Marlin

**Permalink**
https://escholarship.org/uc/item/9dt0c1w4

**Journal**
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 97(1)

**Author**
Daniel Marlin, Daniel Marlin/

**Publication Date**
1981

**Copyright Information**
Copyright 1981 by the author(s). All rights reserved unless otherwise indicated. Contact the author(s) for any necessary permissions. Learn more at https://escholarship.org/terms

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

## דניאל מאַרלין / בוירקלי, קאַליפ. *)

# דריי לידער

### קום אַריין

קום אַריין,
זאָגט דאָס ברויט.
קום אַריין,
קום מיט צײַן אַריין,
זאָגט דאָס שוואַרצע קאָרן־ברויט,
איך טראָג נאָך דײַן זיידנס צײַן אין מיר—
די צײַן פון זײַנע חלומות,
צײַן וואָס האָבן זיך צעבראָכן
אויף מײַן סקאָרע.
קום אַריין,
מאַך אַ ברכה אויף מיר.
עס מיך!

אַזוי האָט גערעדט דאָס ברויט
צו מײַן הונגער.

### ווי לאַנג...

ווי לאַנג האָט גענומען ביז
דאָס מילדקייט איז געקומען
צו דײַן פּנים?
וויפל טעג?
וויפל יאָרן?

ווי לאַנג סע נעמט
צו עפענען אַ פויסט.

### מײַנע הענט

מײַן האַנט איז אַ פּנים
און אַלץ וואָס זי רירט אָן:
בוך, שטויב, פרי—
יאָ, זיי האָבן אויך פּנימער,
זיי שמייכלען,
בענטשן אָדער
שעלטן.

מײַן האַנט איז אַ שפּיגל פאַר
אַלע הענט וואָס זי רירט אָן.

מײַנע בײדע הענט צוזאַמען
זענען עדות
איינע פאַר דער אַנדערער.

---

*) צוזאַמען מיט די דריי לידער איז גע־קומען אַ קורץ בריוול פון דער וויל־באַקאַנטער דיכטערין, מלכּה טוזמאַן, וואָס האָט היי־יאָר באַקומען דעם מאַנגער־פּריז פאַר פּאָעזיע:

ליבער זלמן, טייערער שלאָסער:
איר ווייסט אַוודאי אַז איך פאַרנעם זיך דאָ מיט אַריינשושקען יידיש—און־דזער ציכטיק לשון אין אויערן וואָס ווילן הערן. איז אָט דער בחור דניאל מאַרלין איינער פון די אין יידיש פאַרליבטע. ער קומט צו מיר איין מאָל אַ וואָך אויף צוויי־דריי שעה. ער פרעסט, ער שלינגט יידישע ביכער מיט גרויס הנאה. (ער איז זייער אַ פיינער ענגלישער דיכ־טער). און אָט האָט ער מיר געבראַכט דריי לידער אין יידיש — טייערע, שיי־נע, גוטע לידער און איך פריי זיך און שיק זיי אָפּ צו אייך פאַרן „חשבון“.

אייער,
מלכּה חפץ טוזמאַן